# Itzik Manger

איציק מאַנגער

# Dunkelgold

# טונקל־גאָלד

Gedichte

Jiddisch und deutsch

Jüdischer Verlag im Suhrkamp Verlag



ארכיון פנגף
2:110

די פֿערגוזעך לופֿן .. די נײַעט אַטאָמט קנײַט
אין שיקט אויך איקען די וועשע געשטײַט

„סלחה׳ מיין, סלחה׳ פֿיין
איך הויב דער געשרויפֿט א קרומער ווײַן.״

פֿאַרשווינדט די געשטאַלט קומט א צווייטע צו גיין
געהויקערט אײַנגעבויגן ווי א וואַרעם־געוויין

„איך האָב פֿאַר דיין טאָפּטא געזײַט אין געגרינט
פֿון סאָמעט אויף אײַזערס דאָס חתונה־קלייד.״

פֿאַרשווינדט די געשטאַלט. קומט א דריטע צו גיין
מיט א קרומער אויג אין גלעזערנע טרויערין שטיין

„סלחה׳ מיין, סלחה׳ פֿיין
וווּ האָסטו געזען דאָס טעפּעטער צוויין?

דאָס וואַסער פֿון טײַך אויף וואָלקנטיק = קלאָר
דאַנער האָט זי געוואַשן די גאָלדענע האָר
דאָס וואַסער פֿון טײַך אין וואָלקנטיק צוס
דאַנער האָט זי געוואַשן די קלײַן־ווײַסע פֿיס״..

אין אײַנצאַט די דריטע געשטאַלט פֿאַרשווינדט
צעגאַסטע [illegible] דאָס אויג אויפֿן קנופּ פֿון [illegible] ווינט.

ווי א פֿאַרגוזען ווײַט איך האָב צוגעקוקט מיין
נײַע חתונה [illegible] אין [illegible] ווייל.

5/VII 1930

וואָלף


די באַלאַדע פֿון דעם ייִד וואָס איז
געפֿאָרן צום יריד

ארכיון מנגר
2:110

*Die Ballade von dem Juden, der zum Markt fuhr*, Abschrift für den Rezitator Hertz Grosbard, Łódź 5. 6. 1930, Manger-Archiv, The National Library of Israel, Jerusalem

**Itzik Manger**

**איציק מאַנגער**

# Dunkelgold

# טונקל־גאָלד

**Gedichte**

**לידער**

Jiddisch und deutsch

ייִדיש און דײַטש

Herausgegeben,
aus dem Jiddischen übersetzt
und mit einem Nachwort versehen
von Efrat Gal-Ed

צונויפֿגעשטעלט,
איבערגעזעצט
און מיט אַ נאָכוואָרט פֿאַרזאָרגט
פֿון אפֿרת גל־עד

Mit Umschrift des Jiddischen

מיט טראַנסקריפּציע

Jüdischer Verlag
im Suhrkamp Verlag

ייִדישער פֿאַרלאַג
אינעם זורקאַמפּ פֿאַרלאַג

Die Übersetzung wurde gefördert vom Literarischen Colloquium Berlin mit Mitteln des Auswärtigen Amtes und der Senatsverwaltung für Wissenschaft, Forschung und Kultur Berlin.

Die Recherchen im Manger-Archiv 2003, National- und Universitätsbibliothek Jerusalem, wurden mit einem Forschungsstipendium der Ghenya und Itzik Manger Stiftung Tel-Aviv gefördert.

Bildnachweis
Alle Abbildungen sind dem Manger-Archiv, The National Library of Israel, entnommen.

Jüdischer Verlag im Suhrkamp Verlag Berlin
Dritte, durchgesehene und erweiterte Auflage 2016
© Jüdischer Verlag im Suhrkamp Verlag Frankfurt am Main 2004
Alle Rechte vorbehalten, insbesondere das des öffentlichen Vortrags sowie der Übertragung durch Rundfunk und Fernsehen, auch einzelner Teile.
Kein Teil des Werkes darf in irgendeiner Form (durch Fotografie, Mikrofilm oder andere Verfahren) ohne schriftliche Genehmigung des Verlages reproduziert oder unter Verwendung elektronischer Systeme verarbeitet, vervielfältigt oder verbreitet werden.
Gestaltung und Satz: Efrat Gal-Ed
Druck: Memminger MedienCentrum AG
Printed in Germany
ISBN 978-3-633-24106-4

# פֿון עזבֿון Aus dem Nachlaß

## די באַלאַדע פֿון מײַן קינדהייט

אָסיען. נאַכט. אַ דינער רעגן. בײַם וואָקזאַל
אַ בלייכס אַ ציטערדיקס בין איך געשטאַנען
ווי שלאַנגען לויפֿן שינעס אין דער וועלט אַרײַן
און די פֿאָנאַרן ברענען גרין און ווינקען ווײַט אַוועק פֿון דאַנען.
אַ קלינג. און צוויי... אַ טומל, אַ ווירוואַר
אַ טרעגעריונג שפּרינגט אויף: „דאָס רענצעלע אַהער"
„ניין מיר! ניין מיר!" איך האַלט עס שוין אין האַנט
אַ פֿיגור, אַ הויכע שלעפּט איר שאָטן איבערן שניי
און נאָך איר לויפֿט מײַן קליינער שאָטן נאָך און סאָפּעט שווער.

כ׳צייל די גראָשנס אין דער האַנט. אָט איז די היים
דאָס בעט שטייט מיד און כ׳לייג זיך שטיל אַנידער
אַך מאָרגן! מאָרגן! און איך זע זיך שוין
אין אַ ווינקעלע מיט הײַנעס בוך דער לידער
דער טאַטע כאָליעט ערגעץ אין אַ נאכט־קאַפֿע
און פֿארשפּילט דאָס לעבן פֿון זײַן ייִנגסטן קינד.
מײַן מאַמעס זיפֿץ קלינגט אין דער פֿינצטער אָן אַן עכאָ אָפּ
און אויף די דעכער שפּילן קעץ זיך מיטן נאָוועמבער־ווינט.

און שפּעטער מיט אַ טאָג, די מאַמע פֿיבערט קראַנק
און אירע הייסע בליקן מאָלן בילדער אויף דער וואַנט.
דער הונגער ליגט אין שפּינוועבס און ער לאַכט
און איך... איך האַלט צום לעצטן מאָל דאָס ביכעלע אין האַנט
אַ קריץ די ציין... און גיך אַוועק צום אַנטיקוואַר:
– צוויי גראָשן גיט אַהער! איך גיב נאָר איינס
און אַ פֿארשעמטער האָב איך באַלד אַהיימגעבראַכט
אַ שנירל טרערן און אַ בולקעלע אַ קליינס.

און ווידער קומט אַ נאַכט.. אַ וואָגן בײַ דער טיר
מען לאָדט די לעצטע זאַכן אויף.. מען גנבֿעט זיך אַרויס
מײַן מאַמע כליפּעט שטיל אין שוואַרצן שאַל אַרײַן
און שטיל פֿאַרשוויגן שטייט דאָס הויכע פֿרעמדע הויז
אין מיזרח ציטערט אויף אַ ווײַסער פֿלעק.. מען וועט דערזען.
נו גיכער!.. וויאָ! די פֿערדעלעך שלעפּן פֿויל
און ס׳שלעפּן גראָע רעדער מיט דאָס נאַכטישע געוויין.

## Die Ballade meiner Kindheit

Herbst. Nacht. Dünner Regen. Am Bahnhof
stand ich bleich und zittrig.
Wie Schlangen laufen Schienen in die Welt hinaus,
Scheinwerfer brennen grün und winken weit hinweg.
Ein Klingeln, zwei … Getümmel, Durcheinander.
Ein Trägerjunge springt auf: »Den Ranzen, her!«
»Nein mir! Nein mir!« Hab ihn schon in der Hand.
Eine hohe Gestalt schleppt ihren Schatten über den Schnee,
und ihr nach läuft mein kleiner Schatten und atmet schwer.

Ich zähl die Groschen in der Hand. Da das Zuhause.
Das Bett steht müd, und still leg ich mich nieder.
Ach morgen! Morgen! Und ich seh mich schon
in einem Eck mit Heines Buch der Lieder.
Der Vater döst in einem Nachtcafé,
verspielt das Leben seines jüngsten Kindes.
Meiner Mutter Seufzen verklingt im Dunkeln echolos,
und auf den Dächern spielen Katzen mit dem Novemberwind.

Ein Tag später, die kranke Mutter fiebert,
und ihre heißen Blicke malen Bilder an die Wand.
Der Hunger hängt im Spinngeweb und lacht.
Und ich … ich halt zum letzten Mal das Büchlein in der Hand,
knirsch mit den Zähnen .. schnell zum Antiquar:
»Gebt her zwei Groschen!« – »Ich geb nur einen.«
Und beschämt bracht ich bald heim
ein Schnürchen Tränen und ein Brot, ein kleines.

Und wieder eine Nacht .. ein Wagen vor der Tür,
man lädt die letzten Sachen auf .. stiehlt sich hinaus.
Die Mutter schluchzt still in den schwarzen Schal.
Das hohe fremde Haus steht schweigend still.
Im Osten zittert auf ein weißer Fleck .. man wird gesehen.
Nu schneller!.. Hü! Die Pferde schleppen träg,
die grauen Räder schleppen das nächtliche Weinen mit.

# שטערן אויפֿן דאַך Sterne auf dem Dach

## די באַלאַדע פֿון די שבת־ליכט

שטייט דער מאָנאַך אין פֿינצטערן צעל
און זײַנע אויגן ברענען –
„יונגע מכשפֿה, ווען וועסטו אַ מאָל
דעם זילבערנעם צלם דערקענען,
און יעזוסן אונדזער האַר?"

זאָגט דאָס מיידל: „ווי קען איך דען
אין האַנט דעם צלם נעמען,
אַז איך זאָל מײַן מאַמעס שבת־ליכט
די גאָלדענע פֿאַרשעמען, –
ווי קען איך עס, שוואַרצער מאָנאַך?"

„יונגע מכשפֿה, דעם צלם אַ קוש,
און יעזוס וועט דיך דערלייזן
פֿון דער קליפּה, וואָס לויערט אין דיר
און פֿון דעם גײַסט דעם בייזן,
וואָס זינגט פֿון דײַנע ליפּן אַראָפּ!"

זאָגט דאָס מיידל: „ווי קען איך דען
מיט די ליפּן דעם צלם באַרירן,
אַז איך זאָל די גאָלדענע שבת־ליכט
אויף אייביק שוין פֿאַרלירן, –
ווי קען איך עס, שוואַרצער מאָנאַך?"

„דערקען דײַן לעבן, דערקען דײַן טויט,
ס׳איז יעדע רגע טײַער.
וואָס זעסטו, מיידל, דורך דער שויב?"
„איך זע אַ בלוטיק פֿײַער
און בלוטיקע שאָטנס אויף דײַן געוואַנט!"

גייט דער מאָנאַך און דאָס מיידל גייט,
די הענט מיט שטריק געבונדן.
און הונדערט פֿינגער האָבן מיט אַ מאָל

## Die Ballade von den Schabbatlichtern

Steht der Mönch in der finstren Zelle
und seine Augen brennen –
»Junge Hexe, wirst du denn bald
das silberne Kreuz anerkennen
und Jesus, unseren Herrn?«

Sagt das Mädchen: »Wie kann ich denn
in die Hand das Kreuz nehmen,
sollt ich Mutters Schabbatlichter,
die goldenen beschämen, –
wie könnte ich es, schwarzer Mönch?«

»Junge Hexe, küß endlich das Kreuz
und Jesus wird dich erlösen
von dem Dämon, er lauert in dir,
und von dem Geist, dem bösen,
der von deinen Lippen erklingt!«

Sagt das Mädchen: »Wie kann ich denn
mit den Lippen das Kreuz berühren,
sollt ich die goldnen Schabbatlichter
für immer und ewig verlieren,
wie könnte ich es, schwarzer Mönch?«

»Erkenn dein Leben, erkenn deinen Tod,
jeder Augenblick ist teuer.
Was siehst du, Mädchen, durch die Scheib?«
»Ich seh ein blutiges Feuer
und blutige Schatten auf deinem Gewand!«

Geht der Mönch, und das Mädchen geht,
die Hände mit Stricken gebunden.
Und hundert Finger haben rasch

שאַרפֿער דאָס פֿײַער געצונדן –
דאָס רויטע פֿײַער אויפֿן שוואַרצן סטעפּ.

און אַז דאָס פֿײַער האָט אויסגעברענט
און דאָס גראָע אַש איז געבליבן,
האָבן זיך אויפֿן אַש צעברענט
גאָלדענע שבת־ליכט זיבן,
גאָלדענע שבת־ליכט, זיבן...

auf einmal das Feuer entzündet,
das rote Feuer auf schwarzer Steppe.

Und als das Feuer ist ausgebrannt
und die graue Asche geblieben,
leuchteten über der Asche auf
Schabbatlichter, goldne, sieben,
Schabbatlichter, goldne, sieben …

## די באַלאַדע פֿון דעם כּלה־שלייער

מיטן־נאַכט האָט אויסגעקלונגען
צוועלף שאַרפֿע, שוואַרצע קלאַנגען.
ווײנט דאָס בלייכע כּלה־מיידל –
„ווער וועט מיר דעם שלייער שפּינען?
ס׳איז מײַן פֿאָדעם אויסגעגאַנגען!“

עפֿנט זיך די טיר פּאַמעלעך.
זיבן זקנות, שטילע בלייכע
הינקען טיף אין שטוב אַרײַן,
אויגן – אָוונט־שאָטנס ווייכע: –
„לאָז ניט דײַנע טרערן רינען,
וועלן מיר דײַן שלייער שפּינען
מיט די האָר די זילבער־ווײַסע.“

וועבן קרומע באָבע־פֿינגער
ווײַסע האָר אַרײַן אין שלייער.
פֿינקלען זייערע טונקעלע אויגן
מיט אַ מאָדנעם קילן פֿײַער.
פּאַלט אַ שאָטן אויף דער שויב
פֿון אַ פֿרעמדן ווײַטן גייער.

צאַנקט דער געלער שײַן פֿון לעמפּל,
זיבן זקנות זיצן, שפּינען:
ערגעץ פֿאָכעט שוין אַ פֿליגל
און ס׳אָטעמט מיט באַגינען.
„זײַ געזונט, מיר מוזן גייען.“
ס׳ליגט דער שלייער ווײַס, ווי שנייען
אויפֿן טיש און ציטערט, ציטערט.

און בײַם שײַן פֿון מאָרגנשטערן
שטייט דאָס מיידל פֿאַרן שפּיגל
און ס׳פֿאָכעט קיל דער שלייער
מיט צוויי ווײַסע טויטע פֿליגל.

## Die Ballade vom Brautschleier

Mitternacht hat angefangen
Mit zwölf scharfen schwarzen Schlägen;
Weint die Braut, das bleiche Mädchen:
»Wer wird meinen Schleier spinnen?
Ach, mein Garn ist ausgegangen!«

Öffnet sich die Türe leise:
Sieben stille alte Frauen
Hinken in den Raum; die Augen
Sind wie Abend anzuschauen:
»Laß nicht deine Tränen rinnen!
Wollen dir zum Schleier spinnen
Unsre silberweißen Haare!«

Weben krumme Greisenfinger
Weiße Haare in den Schleier;
Funkeln ihre dunklen Augen
Rätselhaft in kühlem Feuer,
Fällt ein Schatten auf die Scheiben
Wie von einem fremden Wanderer.

Zankt der gelbe Schein des Lämpchens:
Sieben Alte sitzen, spinnen.
Irgendwo rauscht schon ein Flügel,
Atmet es wie Tagbeginnen.
»Lebewohl, wir müssen scheiden!«
Liegt der Schleier weiß und seiden
Auf dem Tisch wie Schnee und zittert.

Und beim Schein des Morgensternes
Steht das Mädchen vor dem Spiegel,
Und es fächelt kühl der Schleier,
Fächeln weiß zwei tote Flügel.

בלאָער פֿלעקן זיך די שויבן.
און די פֿלעקן שפּריצן פֿײַער.
און דאָס מיידל וועט אַלץ בלייכער,
ווײַס און ווײַסער ווי דער שלייער.

Blaue Flecken sind die Scheiben,
Und die Flecken sprühen Feuer:
Immer bleicher wird das Mädchen,
Weiß und weißer wie der Schleier!

*Übersetzt von Alfred Margul Sperber*